## שמועס נומער 11 - חייטשע און בריינדל אין קופּת-חולים

(צודאַטן: טיכלען, ברייטע שאַלן, נאָז-טיכעלעך, ברילן, קיכעלעך, פּילן, רעצעפּטן, אַ צײַטונג, תּהילים)

איינע היסט, זוכט אין טאַש די פּילן, אַלץ ווערט צעשפּרייט אויפֿן בענקל און צעפֿאַלט זיך אויף דער ערד. זי נעמט איין אַ פּיל מיט אַ גלאָז וואַסער, די צווייטע גיסט זיך אַרײַן טראָפּנס אין די אויגן.



חייטשע- אוי וויי!

בריינדל –וואָס קרעכצסטו חייטשע?

חייטשע- מײַנע פֿיס - גייען נישט!

מײַנע אויגן - זעען נישט!

מײַנע אויערן – הערן נישט!

און מײַן קאָפּ, אוי וויי מײַן קאָפּ!

בריינדל –וואָס איז מיט דײַן

קאָפּ?

חייטשע - מײַן קאָפּ – אַרבעט

נישט!

און וואָס מאַכסטו?

בריינדל – איך?

חייטשע- יאָ! דו!

בריינדל - פֿרעג נישט!

מײַנע פֿיס - טאַנצן נישט!

מײַנע הענט - אַרבעטן נישט!

און מײַן קאָפּ, אוי וויי מײַן קאָפּ!

מײַן קאָפּ – דרייט זיך!

חייטשע – מיר זענען שוין נײַנציק יאָר אַלט! ברוך־השם!

און מיר זיצן דאָ צוזאַמען.

בריינדל – אמת, אמת, ברוך־השם, ביז הונדערט און צוואַנציק.

חייטשע – אַבי געזונט!

בריינדל – טאַקע אַזוי, אַבי געזונט און שטאַרק!